# ליטעראַרישע רײַזעס

צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן אַ ריי ייִדישע שרײַבער זיך פֿאַרהאַלטן אין בערלין אָדער אין פּאַריז; טייל פֿון זיי, ווי דבֿורה פֿאָגעל, פּרץ מאַרקיש, ישׂראל־יהושע זינגער צי דניאל טשאַרני, האָבן פֿאַרברענגט צײַטן אין ביידע הויפּטשטעט. זיי זענען געקומען אויף קולטורעלע אימפּרעזעס, צוליב פּרנסה אָדער פּאָליטישע סיבות, צי סתּם ווי טוריסטן, און האָבן איבערגעגעבן זייערע אײַנדרוקן אין פֿאָרעם פֿון לידער, פּראָזע, זכרונות צי רעפּאָרטאַזשן. צווישן די סאַמע באַקאַנטע בײַשפּילן פֿון אַזעלכע ליטעראַרישע אימפּרעסיעס זענען דאָ משה קולבאַקס פּאָעמע דיסנער טשײַלד האַראָלד (1933), וואָס שעפּט פֿון דעם מחברס בערלינער דערפֿאַרונגען אין די יאָרן 1920–1923, אָדער טיילן פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס פּריידקע (1935), וואָס זענען אינספּירירט פֿון דער דיכטערינס רײַזעס קיין פּאַריז, ווו עס האָט זיך דעמאָלט, סוף 1920ער און אָנהייב 1930ער יאָרן, געפֿונען איר מאַן.


.1


.2

אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון ביידע שטעט טרעפֿט מען בשותּפֿותדיקע מאָטיוון: דער אָפּשטויס־ און צוצי־כּוח פֿון אַ מעטראָפּאָליע, ווי אויך די געזעלשאַפֿטלעכע קריטיק אין די באַשרײַבונגען פֿונעם לוקסוס פֿון די וויטרינעס און דעם דלות אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן (ווי דער בערלינער וועדינג און דער פּאַריזער בעלוויל). אין קולבאַקס בערלין פֿליסט אין די אָדערן דער שאַמפּאַניער, בשעת ווען פּאַריז, מיטן אײַפֿל־טורעם און זײַן סיטראָען־רעקלאַמע, ווערט דורך טשאַרנין פֿאַרגעשטעלט מיט די ווערטער „שאַמפּאַניער מיט בענזין".


.8

אין די באַשרײַבונגען פֿון בערלין וואַרפֿט זיך דער עיקר אין די אויגן די מאָדערנקייט פֿון דער שטאָט (ווי אויך, אין די 1930ער יאָרן, די מורא פֿאַרן אויפֿשטײַג פֿונעם נאַציזם); ייִדישע שרײַבער וואָס קומען אין פּאַריז רופֿן זיך דער עיקר אָפּ אויפֿן מיטישן אַספּעקט פֿון דער שטאָט, דאָס אויספֿאַנטאַזירטע און דאָס קיטשמעסיקע וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן. אַן אויסדרוק דערפֿון איז דער טיטל פֿון דבֿורה פֿאָגעלס ציקל לידער געווידמעטע פּאַריז: „שונד־באַלאַדן". בײַ אַנדערע שרײַבער ווערן די קלישעען פֿון דער שטאָט פֿון ליכט און ליבע פֿאַרקערט אין בילדער פֿון אַ שטאָט פֿון זנות און טויט.
אַ מאָטיוו וואָס קומט כּסדר צוריק בײַם באַשרײַבן ביידע כּרכן איז: אָפּגעפֿרעמדטקייט און לאַנגווײַל. פּרץ מאַרקיש פֿאַרסך־הכּלט עס אין אַ בריוו סוף 1922: „בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן און ווײַטער? נאָך אַ שטאָט! נאָך אַ וואָקזאַל, נאָך אַ מוזעום".

1. משה קולבאַק.
2. פּרץ מאַרקיש.
3. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.
4. דניאל טשאַרני (פּאָרטרעט: בען).
5. בענס געמעל צו דניאל טשאַרניס ליד „צופֿוסנס דעם אײַפֿל־טורעם".
6. און 7. טיטלען פֿון דבֿורה פֿאָגעלס לידער וועגן פּאַריז (מאַנעקינען, 1934).
8. דבֿורה פֿאָגעל (פּאָרטרעט: סטאַניסלאַוו איגנאַצי וויטקיעוויטש).
9. פֿראַגמענטן פֿון דבֿורה פֿאָגעלס ליד „שטאָט־גראָטעסקע בערלין" (מאַנעקינען, 1934).
10. מאַפּע פֿון אייראָפּע אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע (ב׳ 2, פּאַריז, 1935).

.9

אויך דער נאָבלער קאָליר פֿון אָטזאָג
די פּאַטעטישע לאַנדשאַפֿט אין ציטראָן־געל
אויף אַ רויטער מויער אַ זעקסגאָרנדיקער:
שטויב־זויגער
בײַ פּריץ דואלף
צו באַקומען
דער = דער פֿײַנסטער = דער דויערהאפטער = שטויב־זויגער =

